**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/3/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**ניו יארק, ניו דשערזי נעמען טראמפ אדמיניסטראציע צום געריכט פאר'ן אומלעגאל צוריקהאלטן געיטוועי טונעל פינאנצירונג**

***אן שנעלע געריכטליכע שריט, וועלן דשאבס פארלוירן ווערן און ניו יארק און ניו דשערזי וועלן ליידן***

***זעהט קלאגע [דא]()***

ניו יארק און ניו דשערזי האבן דעם אווענט געמאלדן אז דיביידע סטעיט'ס טוען נעמען די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע צום געריכט פאר'ן אומלעגאלערהייט צוריקהאלטן 15 ביליאן דאלאר אין פעדעראל-פארשפראכענע געלטער פאר די געיטוועי (Gateway) פראיעקט צו צושטעלן נייע טונעלן און פאררעכטן די עקזיסטירנדע וויכטיגע האדסן ריווער רעיל קראסינג צווישן צפון ניו דשערזי און ניו יארק סיטי, שטעלנדיג אין געפאר די עקאנאמישע זיכערהייט פון די צפון-מזרח ראיאן.

די קלאגע, אריינגעגעבן אין פעדעראלע געריכט אין די סאוטערן דיסטיריקט פון ניו יארק, זוכט עמערדשענסי הילף צו אפשטעלן די אמעריקאנע טראנספארטאציע אפטיילונג ( U.S. Department of Transportation, DOT) פון ווייטער גיין מיט איר אומקלארע איינפרירונג פון געלטער—געלטער וואס מען דארף צו פארזיכערן אז אקטיווע בוי ארבעט אויף די פראיעקט קען פארזעצן, אז ארבעטער פארלירן נישט זייערע דשאבס, און אז די סטעיטס און זייערע איינוואוינער ווערן נישט געשעדיגט.

"Donald Trump'ס (דאנאלד טראמפ) נקמה אקציע קעגן ניו יארק טוט באדראען צו צושטערן איינער פון די וויכטיגסטע אינפערסטראקטור פראיעקטן וואס אונזער לאנד האט נאר געבויעט אין לאנגע דורות, שטעלנדיג טויזנטע יוניען דשאבס און ביליאנען דאלארן אין עקאנאמישע בענעפיטן אין געפאר און באדראענדיג די נסיעות פון 200,000 רייזנדע," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק וועט באקעמפן דעם אומלעגאלע פרואוו דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע צו אוועקרויבן די געלטער וואס די פעדעראלע רעגירונג האט פארשפראכן צו זיכער מאכן אז די געיטוועי טונעל ווערן געבויעט מיט אלס וואס מיר האבן. מיין מעסעדש צו Donald Trump (דאנאלד טראמפ) און Sean Duffy (שאן דאופי) איז פשוט: מיר וועלן ענק זעהן אין געריכט."

**ניו דשערזי גאווערנאר Mikie Sherril (מיקי שעריל) האט געזאגט,** "יעדעס מאל די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע מישט זיך אריין, גייען קאסטן ארויף און ארבעטנדע מענטשן ליידן. די אומלעגאלע אטאקע אויף די געיטוועי טונעל איז בלויז נאך א ביישפיל. ניו דשערזי וועט קיינמאל נישט אפטרעטן פון דעם קאמף. אויב די פראיעקט שטעלט זיך אפ, וועלן 1,000 ארבעטער גלייך פארלירן זייערע דשאבס און הונדערטע טויזנטע רייזנדע וועלן פארלירן זייער געלעגנהייט צו ענדליך האבן פארלעסליכע באן סערוויס וואס טוט פארגרינגערן זייערע לעבנס."

**ניו יארק אטארני דשענערעל Letitia James (לעטישע דשעימס) האט געזאגט,** "צולאזן אז דער פראיעקט זאל זיך אפשטעלן וועט שטעלן איינער פון די לאנד'ס שווערסט-באנוצטע טראנזיט קארידארן

אין געפאר. אונזערע טונעלן זענען שוין יעצט אונטער דרוק, און פארלירן דעם פראיעקט קען האבן גאר שווערע אפעקטן אויף קאמיוטערס, ארבעטער, און אונזער ראיאנישע עקאנאמיע. מיר נעמען די אדמיניסטראציע צום געריכט צו פארמיידן א פארשליסונג וועמס אפעקטן וועלן זיך שפירן פיל ווייטער ווי ניו יארק און ניו דשערזי."

**ניו דשערזי עקטינג אטארני דשענערעל Jennifer Davenport (דשעניפער דעווענפארט) האט געזאגט,** "אונזער צוזאג פאר אונזערע איינוואוינער איז קלאר: מיר וועלן זיי באשיצן פון אטאקעס אויף זייערע רעכטן און אויף זייערע טאשן, נישט קיין חילוק פון וואו עס קומט. די פרעזידענט'ס באשלוס צו איינפרירן געלטער פאר די האדסען טונעל פראיעקט טוט איינשטעלן פארזיכערטע און פארלעסליכע אינפערסטראקטור און טוט שטעלן טויזנטער דשאבס אין געפאר. די פעדעראלע רעגירונג האט אונז נישט געגעבן קיין צווייטע ברירה: מיר מוזן באקעמפן דעם אומלעגאלע שריט אין געריכט, און פארלאנגען עמערדשענסי הילף וואס וועט אונז באשיצן פון די אומלעגאלע שאדן."

די קלאגע ווערט אריינגעגעבן דורך די סטעיטס, וואס איז באזונדער פון די קלאגע וואס די געיטוועי אנטוויקלונג קאמיסיע (Gateway Development Commission) האט אריינגעגעבן דעם וואך, וויבאלד זיי ליידן פון זייערע אייגענע זעלבסטשטענדיגע שאדן. אפשטעלן פעדעראלע פינאנצירונג וועט טוהן מער ווי בלויז אפ'הרג'ענען טויזנטער דשאבס און שטעלן אין געפאר די צוקונפטיגע קאמיוטס פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער און ניו דשערזיענס. עס וועט אויך באדייטן אז ניו דשערזי און ניו יארק וועלן פארלירן די בענעפיטן פון די מיליאנען דאלארן אין פינאנצירונג און שטחים וואס זיי האבן געגעבן פאר די געיטוועי פראיעקט. עס וועט אויך מיינען אז ניו דשערזי און ניו יארק וועלן מוזן נעמען אויף זיך באדייטנדע נייע אפערירונג קאסטן. און וויבאלד די געיטוועי פראיעקט האלט שוין טיף אינדערמיט מיט א צאל אקטיווע קאנסטרוקציע ערטער, וועט עס אויך מיינען אז ניו דשערזי און ניו יארק וועלן מוזן באצאלן מיליאנען דאלארן פונעם אייגענעם טאש צו פארזיכערן די ערטער און פארמיידן ערנסטע פובליק זיכערהייט און פובליק געזונטהייט געפארן. צוליב די באלדיגע כאאס, פארלוסט פון דשאבס, און ערנסטע שאדן פאר ניו יארק און ניו דשערזי וואס וועט פאסירן אויב די געריכט שטעלט דאס נישט אפ, טוען די סטעיט'ס פארלאנגען עמערדשענסי הילף—אריינגערעכנט א פרעלימענערי אינדשאנקשען—צו בלאקירן DOT פון אנגיין מיט'ן איינפירן די אומקלארע איינפרירונג פון געלטער.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן